# פרשת חיי שרה י"ט – כ"ה חשון תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת חיי שרה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למאנסי לביתו החדש של הר"ר **אלעזר יואל וויינבערגער** הי"ו (בן הר"ר חיים וויינבערגער הי"ו). **רבינו שליט"א** קבע מזוזה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

משם נסע **רבינו שליט"א** לשיכון סקווירא להשתתף אצל המעמד הגדול התחלת הש"ס במסגרת 'עמוד יומי' שע"י ק"ק סקווירא, שנערכה בשילוב יחד עם סעודת הכנסת ספר תורה, וסיום מסכת נזיר שנלמד במסגרת דף היומי. המעמד הנהדר התקיים בהיכל ביהמ"ד הגדול במעמד קהל רב, בהשתתפות **כ"ק האדמו"ר מסקווירא שליט"א**.

לאחר סיום המסכת ואמירת ההדרן כיבד היו"ר **הר"ר שלום בער פישל הי"ו** את **רבינו שליט"א** לשאת ולהשמיע את משא המעמד לקהל הנאספים, בעוד שמביע גודל רגשות הקהל בעת שרבינו שליט"א יצא מגדרו באופן מיוחד להשמיע מדברותיו לכבוד המאורע.

הס הושלך בהיכל כאשר קהל הקודש הטו אזנם למשא קדשו של **רבינו שליט"א**, אשר פתח את דבריו בדברי שבח ותהלה בכבוד האכסניא, והמשיך את דיבוריו בגודל מעלת לימוד התוה"ק בכל עת וזמן, וביותר גדלה מעלת לימוד התורה בחבורה ובסדר קבוע, אשר תוצאותיו לטובה רבים הם עד למאוד, והזכיר את חבורת 'ובהם נהגה' שנלמד ע"י מאות אנשי שלומינו, אשר גרמה מהפכה רוחנית בהרבה בתי אברכים שנתעלו לבתים של תורה באופן מופלא, וביותר על ידי לקיחת המבחנים על סדר הלימודים שהונהג לאחרונה, שזה מעלה את דרגת ואיכות הלימוד, ובנוסף לזה משפיע הרבה על חינוך הבנים לטובה, שרואים לפניהם דוגמא של אהבת תורה שכל חפצי האב לא ישוו בה, ונפנה מכל עסקיו להגות בדברי תורה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ברשות** כ"ק אדמו"ר שליט"א, ה' יאריך ימיו ושנותיו. עס איז ביי מיר א כבוד אנטייל צונעמען ביי די שמחה משולשת, וואס איז היינט אין דעם מקום. א הכנסת ספר תורה, וואס מען האט אריינגעגעבן לעילוי נשמת רבי אהרן יהושע מאשקאוויטש ז"ל, וואס איז געווען א תלמיד נאמן פון מיין זיידען, דער **סערדאהעלער רב**. עס איז א שמחה פון א סיום מסכת נזיר במסגרת דף היומי, ועל כולם די שמחה וואס מען הייבט יעצט אן א פרישער סדר וואס מען לערנט יעדן טאג אן עמוד יומי, וואס מיטן אייבערשטען'ס הילף וועט עס איבערדרייען אסאך יודישע שטובער, און זיי מקרב זיין אויפצושטעלן שטובער פון תורה.

**מען** געפונט אין די פרשה פון כתיבת ספר תורה, אז די תורה הק' זאגט, ועתה כתבו לכם את השירה הזאת, ולמדה את בני ישראל, שרייבט די תורה, און לערנטס עס מיט יודען, שימה בפיהם, לייגט עס אריין אין זייער מויל. די עיקר איז נישט וואס מען שרייבט א ספר תורה און עס ליגט אין שאנק, די עיקר איז די 'שימה בפיהם', אז מען זאל נאכדעם ממשיך זיין אין תורה שבעל פה, וואס איז דער חלק וואס ליגט אינעם מויל. למען תהיה לי השירה הזאת לעד בבני ישראל, די שירה וועט זיין פאר מיר אן עד בבני ישראל. און די תורה איז ווייטער מאריך, והיה כי תמצאן אותו רעות רבות וצרות, עס וועט קומען א צייט וואס עס וועט זיין רעות רבות וצרות, וענתה השירה הזאת לפניו לעד, וועט די שירה זיין א עד, כי לא תשכח מפי זרעו (דברים לא-יט). עס איז דא אן הבטחה פונעם אייבערשטען, אז די תורה וועט קיינמאל נישט פארגעסן ווערן פון כלל ישראל. מען ווייסט אז ווי עס שטייט והיה, איז עס א לשון פון שמחה (ויק"ר יא-ז). וואס איז די שמחה, אז די תורה זאגט די לשון 'והיה' כי תמצאן אותו רעות רבות וצרות.

**דער** פשט דערפון איז. מען ווייסט, אז דער פריערדיגער דור האט מיטגעמאכט דעם רעות רבות וצרות, אין אזא פארנעם וואס עס איז נישט געווען זייט די וועלט שטייט, וואו אזויפיל מיליאנען יודען זענען אדורכגעגאנגען, און ליידער אומגעקומען. מען האט פארלוירען טאטע, מאמע, ברודער, שוועסטער, קהלות הקודש וואס זענען געווען איינגעפעדעמט אזויפיל יארן, איז אלעס חרוב געווארן. עס האט אויסגעקוקט ווי עס

ענדיגט זיך די תורה ביי יודען. אבער די הבטחה פון די תורה הק' 'כי לא תשכח מפי זרעו' איז געבליבען. תורה איז נישט אונטערגעגאנגען, תורה בליהט אויף אן אויסערגעוועהנליכע פארנעם, אין אלע מקומות. מען שרייבט נאך היינט ספרי תורות, און מען פרייט זיך, און מען טאנצט דערמיט, מען האט א שמחה אין די תורה. וענתה השירה הזאת לפניו, די שירה איז אן עד בבני ישראל, כי לא תשכח מפי זרעו, אז די תורה ווערט נישט פארגעסן פון יודען. און דאס איז די לשון 'והיה', א לשון שמחה. אז מען קומט זיך צוזאם נאכדעם וואס עס איז געווען כי תמצאן אותו רעות רבות וצרות, און מען זעהט ווי אזוי מען שרייבט ספרי תורות, און ווי אזוי מען איז מחבב תורה הק', דאס גיט אונז א שמחה אויף די הבטחה פונעם אייבערשטען, כי לא תשכח מפי זרעו, אז די תורה וועט נישט פארגעסן ווערן פון יודען.

**רבי** אהרן יהושע איז געווען א חשוב'ער יוד, א תלמיד חכם, וואס האט מיטגעמאכט די אלע צרות וואס מען איז אדורכגעגאנגען, און מען איז נישט צובראכען געווארן, מען האט נישט פארלוירען וואס מען האט מקבל געווען, נאר מען איז אנגעגאנגען דערמיט ביתר שאת וביתר עוז, אויפגעשטעלט שטובער פון תורה, שטובער פון חסד, דאס איז די הבטחה 'כי לא תשכח מפי זרעו', אז די תורה וועט קיינמאל נישט פארגעסן ווערן פון אונז.

**פותחין** בכבוד האכסניא, איך דערמאן זיך ווען מען איז דא ארויסגעקומען מיט יארן צוריק, עס גייט צוריק מיט איבער א יובל יארן, איך בין נאך געווען א יונגעל פאר די בר מצוה, עס איז נאכנישט געשטאנען א בית המדרש, נאר אין א זאל אונטען אינעם קעלער איז מען זיך צוזאם געקומען. די גאסן זענען נאכנישט געווען געפלאסטערט, עס איז נאך געווען ערדענע גאסן, וואו מען איז געגאנגען פון איין הויז צום אנדערן הויז. עס איז נאך געווען במתי מעט. און מען קוקט צו, ווי דער אייבערשטער האט געהאלפען, דער רבי זאל זיין געזונט האט אהער געשטעלט אזא לגיון של מלך, בחורים און יונגעלייט תלמידי חכמים, און כוללים אין אלע מקומות, דאס איז די הבטחה פון לא תשכח מפי זרעו. און 'והיה' עס איז א שמחה, אז נאכדעם וואס עס איז כי תמצאן אותו רעות רבות וצרות, זעהט מען דעם כי לא תשכח מפי זרעו.

*

**די** תורה הק' זאגט, אז די תורה וועט זיין לעד בבני ישראל. 'עד' האט צוויי טייטשען. אן עדות, און א צירונג ווערט אויך אנגערופן אן עד, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שמות לג-ו) ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב. די תורה הק' לערנט אונז די חשיבות פון יעדן יוד. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז עס איז דא ששים רבוא אותיות אין די תורה, און אקעגן דעם איז דא ששים רבוא נשמות. יעדער יוד האט אן אות אין די תורה הק', יעדער יוד האט א חלק אין די תורה, און יעדער יוד איז צוגעבונדען צו די תורה מיט זיין אות. א ספר תורה וואס איז געשריבען אינגאנצן, און עס פעלט דערפון איין אות, איז נישט דא קיין קדושת ספר תורה דערויף. עס איז נאר אזוי ווי א ספר, אבער עס האט נישט די קדושה פון א ספר תורה. איין יוד פעלט פון כלל ישראל, פעלט פון די תורה הק'. יעדער יוד איז אן אות אין די תורה הק', ווייל יעדער יוד איז א צירונג, א דיאמאנט שטיין, אינעם קרוין פונעם רבונו של עולם. און די תורה הק' ווייזט אונז די חשיבות פונעם כלל ישראל, אז יעדער יוד איז אן אות אין די תורה, יעדער יוד איז א צירונג ביים אייבערשטען. די תורה הק' איז ל'עד' בבני ישראל, דאס ווייזט אויפן צירונג וואס איז דא בבני ישראל, יודען אליין זענען א צירונג פארן אייבערשטען, מיט דעם וואס ער איז א חלק פון די תורה הק'.

**מיט** וואס איז א יוד מקושר צו די תורה? מיט לימוד התורה. מיט דעם וואס מען לערנט, און מען איז מקיים די מצוה פון קביעת עתים לתורה. אפילו ווער עס קען נישט לערנען א גאנצן טאג, אבער ער געבט אוועק יעדן טאג פון זיינע שעות אויף עוסק צו זיין אין תורה, דאס איז דער קשר וואס א יוד האט צום אייבערשטען. און דאס איז געזאגט געווארן פאר יעדן יוד, **עס איז נישט דא אן אויסנאם, אז איינער זאל זיך קענען פטר'ן פון האבען א חלק אין לימוד התורה.** תורה איז צוגעשטעלט פאר יעדן יוד, אז ער זאל קענען האבען א חלק אין לימוד התורה.

*

**עס** שטייט די וואך אין מדרש (ב"ר נח-ג), אז רבי עקיבא האט גע'דרשנ'ט, והצבור מתנמנם, און דער ציבור וואס איז געקומען האט געדרימעלט. האט זיי רבי עקיבא געוואלט אויפוועקן, האט רבי עקיבא געזאגט א מימרא וואס מיט דעם האט ער זיי געוואלט אויפוועקן. מה ראתה אסתר שתמלוך על שבע ועשרים ומאה מדינה, אלא תבא בת בתה של שרה, עס זאל קומען אן אייניקל פון שרה, וואס שרה האט געלעבט הונדערט און זיבען און צוואנציג יאר, און זי זאל ממליך זיין אויף הונדערט און זיבען און צוואנציג מדינות. עס איז זייער א שיינער צושטעל, עס וועקט אפשר אויף, אויף א האלבע מינוט ווען מען הערט דעם שיינעם צושטעל, פון די הונדערט און זיבען און צוואנציג יאר פון שרה, צו די הונדערט און זיבען און צוואנציג מדינות פון אסתר. אבער מען האט נאכנישט אויפגעוועקט דעם עולם דערמיט, מען קען נאכדעם צוריק איינדרימלען. ווי אזוי האט ער געוואלט אויפוועקן דעם ציבור, מיט דעם וואס ער האט געזאגט די מימרא.

**עס** איז דא א הפלא'דיגע ווארט פונעם **חידושי הרי"ם**, אז פון דא זעהט מען דעם שכר וואס דער אייבערשטער געבט. שרה האט געדינט דעם אייבערשטען הונדערט און זיבען און צוואנציג יאר, כולן שוין לטובה, אלע אירע טעג זענען געווען שוין לטובה. זי האט נישט פארפעלט איין מינוט, וואס זי זאל נישט דינען דעם אייבערשטען. און מען האט איר באצאלט, אז אסתר האט באקומען הונדערט און זיבען און צוואנציג מדינות. פאר יעדען יאר וואס שרה האט געדינט דעם אייבערשטען, האט מען אוועקגעגעבן פאר אסתר א גאנצע מדינה. אין א מדינה איז דא הונדערטער שטעטלעך, און טויזנטער גאסן, און טויזנטער הייזער. אין א יאר איז דא דריי הונדערט פינעף און זעכציג טעג. אויב פאר איין יאר עבודת ה', האט אסתר באקומען א גאנצע מדינה, און א מדינה האט הונדערטער שטעטלעך, איז אויסגעקומען אז פאר א טאג פון עבודת ה' האט זי באקומען שכר א גאנצע שטאט. און פאר א שעה, האט זי באקומען א פאר גאסן, פאר א מינוט עבודת ה' האט זי באקומען א הויז. איז כדאי צו שלאפן? איז כדאי אוועקצוגעבן דאס לעבן, ווען מען קען אין אזא קורצע צייט אזויפיל זוכה זיין. קען מען דען מוותר זיין אויף דעם זכות וואס מיר האבען, און וואס מיר קענען זוכה זיין.

**רבי** עקיבא האט געזען אז דער ציבור דרימעלט, דאס לעבן אינטערעסירט זיי נישט, מען שלאפט איין, ביקש לעורען, האט ער זיי געוואלט מעורר זיין, האט ער געזאגט, מה ראתה אסתר אז זי האט געקעניגט אויף הונדערט און זיבען און צוואנציג מדינות. זי האט עס באקומען פאר הונדערט זיבען און צוואנציג יאר וואס שרה האט געדינט דעם אייבערשטען. יעצט מאכטס א חשבון, אז פאר איין יאר עבודת ה' באקומט מען א מדינה, וויפיל באקומט מען פאר א שעה וואס מען זיצט און מען לערנט. עס לוינט זיך נישט צו שלאפן, עס לוינט זיך אוועקצוגעבן צייט פאר תורה און עבודת ה', וויל דער שכר וואס דער אייבערשטער באצאלט איז זייער גרויס.

*

**עס** קען זיך אבער דאכטן, אז אין די צייט וואס מען לערנט קען מען דאך פארדינען, מען קען מאכן נאך א ביזנעס, מען קען מאכן נאך א געשעפט. עס איז אבער נישט ריכטיג. מיר גלייבען אין דברי חז"ל (ע"ז יט:), כל העוסק בתורה נכסיו מצליחין. **די הצלחה פון א מענטש איז נישט דורך זיין קאפ, און איז נישט דורך זיין קענטעניש, לא לחכמים לחם ולא לנבונים עושר** (קהלת ט-יא), **עס האט נישט צו טון מיט חכמה, עס האט נישט צוטון מיט נבונות, עס האט צו טון מיט מזל וואס דער אייבערשטער געבט. און די מזל באקומט מען, ווען מען איז עוסק בתורה. אז מען זיצט און מען לערנט, האט מען הצלחה אין די געשעפטען.** כל המקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ (אבות ג-ה), אז מען וויל נישט האבען צוטון מיט די רעגירונג, אויב מען וויל נישט האבען עול דרך ארץ, זיך צו דארפן פלאגען אויף די פרנסה, דארף מען מקבל זיין עול תורה. נעמען אויף זיך צו לערנען, און מיטצוהאלטען די שיעורים. און אז מען איז מקבל עול תורה, מאכט עס גרינגער דאס לעבן פונעם מענטש, עס נעמט אוועק דעם עול מלכות און דעם עול דרך ארץ.

**ואברהם** זקן בא בימים, וה' ברך את אברהם בכל (בראשית כד-א), אברהם איז געווען געבענטשט מיט אלעם וואס ער האט געדארפט, ווייל 'ואברהם זקן', ווייל ער איז געווען א זקן ויושב בישיבה (יומא כח:), אז מען זיצט און מען לערנט, איז ער געווען 'בא בימים', ער האט מיטגעברענגט מיט זיך אלע זיינע טעג, 'וה' ברך את אברהם בכל', און ער איז געבענטשט געווארן מיט אלעם וואס ער דארף האבען. **עשירות באקומט מען נישט פון ארבעטן, עשירות באקומט מען פון די גמרא.** אז מען זיצט און מען לערנט, העלפט דער אייבערשטער אז די נכסים זענען מצליח. אוודאי דארף מען מאכן השתדלות, אבער די הצלחה וואס מען האט, איז פון דעם וואס מען איז עוסק בתורה.

*

**מען** רעדט יעצט פון 'עמוד יומי', וואס איז געמאכט געווארן צוגענגליך פאר יעדן יוד. **עס איז נישט דא קיין איינער וואס קען זיך ארויסדריייען פון דעם, און זאגען אז ער קען נישט אנקומען צו לערנען אן עמוד א טאג.** אפילו דו קענסט נישט לערנען די תוספות, אבער א עמוד גמרא מיט רש"י, קען יעדער לערנען. מען האט היינט גרינגער געמאכט, מען האט געמאכט גמרות וואס לערנט זיך שוין אליין, מען דארף נאר זיצען דערביי און לערנען, און מען קען אנקומען זייער אסאך. און עס איז א שאד אוועקצוגעבן די צייט, ווען מען קען זוכה זיין צו כתרה של תורה. זיצען און לערנען און קונה זיין איין מסכת נאכן אנדערען מסכת, ווי חשוב דארף דאס זיין פאר א יוד.

**מען** ווייסט אז חינוך ביי קינדער איז היינט זייער שווער, מען דארף האבען אסאך סייעתא דשמיא. **די גרעסטע חינוך פאר א שטוב איז, ווען מען זעהט אז דער טאטע זיצט און לערנט, ער האט נישט קיין צייט, ער קען נישט גיין, און ער קען נישט קומען, ער דארף יעצט קונה זיין דעם שיעור. איך האב נאכנישט געלערנט, און איך דארף לערנען מיין דף היומי, איך דארף לערנען מיין עמוד יומי, דאס לאזט איבער אן אהבת תורה אויף די קינדער. די קינדער ווערן מיט דעם אויפגעבויט, קינדער ווערן מיט דעם נתחנך, זיי זעהן ווי אזוי עס ברענט די אהבת התורה פארן פאטער.**

**די** תורה הק' זאגט, ושננתם לבניך (דברים ו-ז), לערן תורה מיט דיינע קינדער. נישט פייניגען דאס קינד און אים זאגען נו, לערן שוין, פארוואס דרייסטו זיך ארום. די עצה פון 'ושננתם לבניך' איז, 'ודברת בם', דו זאלסט רעדן דערין, 'בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך', ווען דו וועסט זיצען די אלע צייטען און לערנען, וועסטו זעהן אז עס וועט זיין ושננתם לבניך, די דברי תורה וועלן זיין געלערנט ביי דיינע קינדער.

*

**די** חשיבות פונעם 'עמוד יומי', איך רעד יעצט פון פראקטיק, ווייל **ביי אונז אין די קהלה האט מען עס שוין אויך איינגעפירט, און עס איז דא הונדערטער חברים וואס האלטן מיט דעם עמוד יומי, און מען האט שוין מסיים געווען כמה מסכתות אויף דעם אופן.** מיט א שטיק צייט צוריק האט מען אנגעהויבען מסכת ברכות, און מען האט צוגעשטעלט בחינות, און א גרויס חלק פונעם ציבור פארהערן זיך יעדן חודש די בלעטער וואס מען האט געלערנט, און ווי דער סדר איז, געבט מען עפעס פאר די וואס שטעלן זיך צו. און עס האט געמאכט א מהפכה אין די שטובער. **יונגעלייט זאגען מיר, אז זיי זענען נישט די זעלבע ווי זיי זענען געווען פאר דעם. זיי זענען אינגאנצן געטוישט געווארן, זיי זענען מורא'דיג געשטיגען, און אין זייער שטוב איז געווארן אן אטמאספער פון לערנען תורה.**

**און** איך וועל איבערגיין די מעלות דערפון. ווען מען לערנט א מסכת פאר זיך מיט זיין חברותא, וויפיל מאל פארפעלט מען, מען קען נישט אנקומען, און מען פארפעלט דעם קביעת עתים. ער האט נישט א זאך וואס שטופט אים, אז ער מוז די זאך ענדיגען. **אבער ווען עס איז אויסגעשטעלט אויף א סדר, מוז ער דעם היינטיגען טאג ענדיגען דאס וואס מען האט היינט פארגעשריבען, ווייל מארגען וועט עס זיין נאך שווערער, ער וועט דארפן לערנען דאפעלט,** געבט עס א התחייבות אז ער זאל אנקומען און לערנען דעם עמוד. - ווען מען לערנט פאר זיך, און ער ווערט פארהאנקערט ערגעץ, עס גייט נישט, האט ער נישט צו וועם צו רעדן, און ער האט נישט וועם צו פרעגן. **אבער ווען**

**א גאנצער ציבור לערנט די זעלבע, קען ער עס איבערשמועסן מיטן חבר, און ער קען הערן א שיעור דערויף, און אזוי ווייטער.** און אזוי קען ער נאכדעם, דאס לערנען וואס ער לערנט.

**ווען** מען לערנט פאר זיך, און קיינער צווינגט אים נישט, האט ער אפילו נישט אן עול אז ער דארף קענען וואס ער לערנט. אמאל לערנט ער עס טיפער, און אמאל לערנט ער עס בשטחיות, און אמאל ווארפט ער עס אוועק אינגאנצן. **אבער ווען ער ווייסט אז ער דארף זיך שטעלן אויף א פארהער סוף חודש, און דאס קענען, איז גלייך ווען ער הייבט אן צו לערנען, לערנט ער עס שוין אנדערש. ער קען נישט אוועקגיין פון דעם עמוד גמרא, ביז ער וועט נישט פארשטיין פונקטליך וואס די גמרא האט געזאגט. וויפיל תירוצים איז דא אויף די קשיא, און וואס זענען די חילוקים צווישן איין תירוץ און דעם צווייטן תירוץ, וויאזוי איז פארענטפערט די קשיא אויף די משנה, אדער אויף די ברייתא.** בשעת ער לערנט, לערנט ער אויף אזא אופן, אז ער זאל פארשטיין וואס ער לערנט.

**און** ועל כולם, אז ער דארף זיך שטעלן פאר א פארהער סוף חודש, ליגט אים דער גאנצער קאפ אין לערנען. ווען ער שטעלט זיך אויף פון די גמרא, און ער גייט ארויס צו די ארבעט, ער דרייט זיך ארום אויף די גאס, איז אים די קאפ נישט דארט, די קאפ איז אים איבערצו'חזר'ן וואס ער האט געלערנט. און וואס ער טוט, איז נישט יגיע 'ראשך', נאר יגיע 'כפיך' כי תאכל, וואס דאס איז אשריך וטוב לך (תהלים קכח-ב). דאס איז די מעלות פון דעם וואס מען לערנט אין א חבורה צוזאמען.

**און** עס טוישט די גאנצע שטוב, מען ווערט אן אנדערער סארט יונגערמאן, מען איז צוגעבינדען צו די תורה הק', און מען טראכט פון תורה. די תורה איידעלט אויס, **יעדער יוד איז א דיאמאנט, אזוי ווי מען האט פריער גערעדט, ער איז אן 'עד' בבני ישראל. אבער א דיאמאנט ווערט אויך אמאל פארשטויבט, א דיאמאנט גלאנצט אויך נישט אייביג, די תורה טוט מאכן גלאנצען דעם דיאמאנט פון א יוד, אז ער זאל לייכטען פון די קדושת התורה.** און דאס איז די געוואלדיגע אויפטוה פון דעם וואס מען לערנט צוזאמען מיט א חבורה אן עמוד יומי יעדן טאג, וואס מען קען דורך דעם זייער אסאך אנקומען.

*

**מען** הייבט אן, מאימתי קורין את שמע בערבין, און די גמרא פרעגט, תנא היכא קאי דקתני מאימתי. און די גמרא זאגט, תנא אקרא קאי, דכתיב בשכבך ובקומך. עס קען זיין א געדאנק דערין בדרך צחות. עס שטייט פונעם **אמרי יוסף** (בהקדמתו לספר **ילקוט תורה בש"ס** עמוד נ"ז), ער ברענגט צו פון **רבי אייזיק'ל זידיטשובער זי"ע**, אז דער **רבי ר' זושא** האט זיך אמאל געטראפן מיטן **רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג**. דער **רבי ר' שמעלקא** איז געווען גרויס אין נגלות התורה [ער איז געווען גרויס אין נסתר אויך, אבער עכ"פ אין נגלות האט ער געשמ'ט], און דער **רבי ר' זושא** איז געווען מער אין נסתר התורה. האבען זיי צווישן זיך אפגעמאכט, אז זיי וועלן לערנען צוזאמען. דער **רבי ר' שמעלקא** האט געזאגט, איר וועט לערנען מיט מיר נסתר, און איך וועל לערנען מיט אייך נגלה. האט דער **רבי ר' זושא** געזאגט, אז דער **רבי ר' שמעלקא** זאל קודם אנהייבען צו לערנען מיט אים נגלה. פון וואו זאל מען אנהייבען לערנען, האט דער **רבי ר' זושא** געזאגט, אז מען זאל אנהייבען משניות מסכת ברכות, פון די משנה מאימתי קורין את שמע. האבען זיי אנגעהויבען צו לערנען, מאימתי קורין את שמע, פון ווען הייבט מען אן צו ליינען קריאת שמע. האט דער **רבי ר' זושא** געפרעגט, ווער זאגט אז 'מאימתי' איז טייטש פון ווען הייבט מען אן, אפשר איז 'מאימתי' טייטש פון אימה און יראה און פחד, קורין את שמע דארף מען ליינען קריאת שמע. האט דער **רבי ר' שמעלקא** געזאגט, איך זעה אז מיר זענען נישט קיין חברותא איינער מיטן צווייטען, מיר פארשטייען זיך נישט.

**און** עס איז ביידע אמת, אין יעדע ווארט פון חז"ל ליגט אסאך ענינים. די פשוטע טייטש איז, מאימתי קורין את שמע, פון ווען הייבט מען אן צו ליינען קריאת שמע. און דער תנא האט אויך געוואלט ארויסברענגען, אז ווען מען ליינט קריאת

שמע, און מען איז מקבל עול מלכות שמים, דארף עס זיין 'מאימתי'. מיט אן אימה און יראה, זאל מען מקבל זיין אויף זיך עול מלכות שמים.

**אבער** די שאלה איז, פארוואס ווען דער תנא וויל לערנען די הלכות פון קריאת שמע, הייבט ער אן מיט א קרומע לשון 'מאימתי' קורין את שמע, מיט א אימה און א יראה דארף מען ליינען קריאת שמע. ווי קומט דאס צו דעם תנא, אז ער זאל אנהייבען מיט אזא לשון פון מאימתי קורין את שמע, אז מען ליינט קריאת שמע מיט אן אימה.

**נאר** עס איז נישט א חידוש, אז מען זיצט און מען לערנט, ווי די תנאים וואס האבען עוסק געווען אין תורה, אז די גאנצע קאפ ליגט אין קדושת התורה, מען איז נישט מסיח דעת פון לערנען, אזוי ווי רבי יוחנן האט געזאגט, אז ווען ער גייט ד' אמות בלי תורה, איז עס א חילול ה' (יומא פו.). צו גיין ד' אמות איז וויניגער פון צען סעקונדעס. צען סעקונדעס איז ער נישט געגאנגען אן לימוד התורה. ווען א יוד ליגט אין תורה הק', טוט די תורה הק' אים אויסאיידלען, אז ווען ער ליינט קריאת שמע, ליינט ער עס מאימתי, מיט אן אימה און א יראה. ווען דער תנא האט אנגעהויבען מאימתי קורין את שמע, אז מען הייבט אן צו ליינען קריאת שמע, מיט אן אימה. האט די גמרא געפרעגט, תנא היכא קאי דקתני מאימתי, פון ווי קומט דער תנא אז ער הייבט אן מיט אזא לשון מאימתי, אז מען ליינט קריאת שמע מיט אן אימה. זאגט ער, תנא אקרא קאי, דער תנא האט מקיים געווען וואס עס שטייט אין פסוק, ודברת בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך, ווען מען קומט פון אזא פסוק, ווען מען קומט פון אזא לימוד התורה, אז א יוד איז נישט מסיח דעת פון תורה, שטענדיג טראכט ער פון לערנען, דעמאלטס קומט מען צו, אז מאימתי קורין את שמע, אז מען ליינט קריאת שמע באימה.

*

**דאס** איז דער געוואלדיגער זכות וואס מען איז זוכה, אז די תורה טוט אויסאיידלען דעם מענטש. אויסער די מצוה פון לימוד התורה, וואס דער **גר"א** זאגט, אז מיט א יעדן ווארט וואס א יוד לערנט איז ער מקיים א מצוה. און דער **חפץ חיים** האט געזאגט, אז ער האט אויסגערעכנט, אז א יוד קען זאגען אין איין מינוט, צוויי הונדערט ווערטער. יעדע מינוט וואס מען לערנט, האט מען צוויי הונדערט מצות. וויפיל קען זיך א יוד קונה זיין מיט לימוד התורה. מה ראתה אסתר אז זי האט באקומען אזא גרויסע מלוכה, ווייל זי האט באקומען אויף יעדע רגע וואס שרה האט עוסק געווען אין עבודת ה', אזא גרויסן שכר. עס לוינט זיך נישט צו שלאפן, עס לוינט זיך אוועקצוגעבן צייט פאר תורה, ווייל דער שכר דערפון איז זייער גרויס.

**די** וועלט זאגט, אז איינער האט אמאל געזאגט פאר א צדיק וואס האט גערעדט פון די וועלט, אז די וועלט איז הבל הבלים, א נארישע וועלט, עס לויפט אדורך ווי א חלום. האט אים דער צדיק גע'ענטפערט, יא, עס איז הבל הבלים פאר דעם וואס פארשלאפט עס, פאר אים איז עס א חלום, אבער פאר דעם וואס שלאפט נישט, איז די וועלט נישט קיין חלום. נאר א יעדע מינוט וואס ער איז עוסק אין לימוד התורה, איז ער זוכה זיין צו א גרויסן שכר.

*

**די** תורה הק' דערציילט די וואך, אז אליעזר האט געגעבן פאר רבקה שני צמידים על ידיה, עשרה זהב משקלם (כד-כב). ער האט געגעבן צוויי ארעם בענדער וואס זייער וואג איז געווען עשרה זהב. און רש"י זאגט, אז די שני צמידים איז א רמז אויף די צוויי לוחות וואס זענען געווען מצומדות. און עשרה זהב משקלם, איז א רמז אויף די עשרת הדברות וואס איז געשריבען אויף די לוחות. וואס עפעס האט ער יעצט געגעבן פאר רבקה צוויי צמידים על ידיה, עשרה זהב משקלם.

**עס** קען זיין א כוונה, די תורה וואס א יוד לערנט, לערנט ער נישט נאר פאר זיין זכות, נאר די בני בית האט אויך א זכות אין די תורה וואס ער לערנט. די גמרא (ברכות יז.) זאגט, נשים במאי זכיין, נשים האבען נישט קיין תורה, זיי לערנען נישט, מיט וואס זענען זיי זוכה. אן תורה איז דאך נישט דא גארנישט, מיט וואס זענען די נשים זוכה. זאגט די גמרא, מיט דעם וואס זיי העלפן צו פאר די מענער אז זיי זאלן לערנען, זיי העלפען צו פאר די קינדער

אז זיי זאלן גיין אין חדר, דאס איז זייער זכות פון לימוד התורה.

**איך** האב לעצטענס געהערט פון א יוד, אז **רבי יונתן שטייף זצ"ל** איז אמאל צופרי געפארן אין א קאר אין וויליאמסבורג, בשעת מען לייגט ארויף די קינדער אויפן באס, צו פארן אין חדר. און ער האט געזען, ווי א יונגערמאן שטייט מיט א קינד ארויפצולייגען אויפן באס, האט ער געבעטן דעם דרייווער אז ער זאל זיך אפשטעלן. און ער רופט צו דעם יונגערמאן, און ער פרעגט אים, פארוואס לייגסטו ארויף דאס קינד אויפן באס, וואו איז די מאמע, פארוואס לייגט זי נישט ארויף דאס קינד. האט ער געזאגט, ווייל עס איז דא נאך קינדער אויבן אין שטוב, און זי איז פארנומען צו געבן עסן פאר די איבריגע קינדער, האט זי געבעטן אז איך זאל אראפגיין און ארויפלייגען דאס קינד.

**האט** אים **רבי יונתן** געזאגט, אן אנדערע מאל זאלסטו בלייבן אויבן מיט די קינדער, און זי זאל אראפקומען טראגען די קינדער. ווייל זי האט נישט קיין אנדערע זכות פון תורה, נאר דאס וואס זי טוט טראגען די קינדער צום לערנען, און דעם איינעם זכות נעמסטו אויך אוועק פון איר?!. די זכות פון נשים איז, דאס וואס זיי העלפען צו, אז דער מאן זאל קענען זיצען און לערנען, און דורך דעם האבען זיי א חלק אין די תורה. - **אויב מען וועט וועלן לערנען דעם 'עמוד יומי', און די בני בית וועט זאגען, אז מען דארף קומען העלפען, מען דארף קומען ערלעדיגען, דארף מען זאגען, דאס וואס איך לערן איז אויך דיין זכות, דו ביזט דורך דעם זוכה צו תורה.**

**רבקה** האט געדארפט אריינגיין אין א שטוב פון יצחק. א בעלת חסד איז זי דאך געווען, האט איר אליעזר געגעבען שני צמידים, ער האט איר געוויזען א רמז אויף די שני לוחות, וואס דאס איז די גאנצע תורה, און ער האט איר געזאגט, ביי דיר איז די שני לוחות 'על ידיה', אויף די הענט וואס פארען זיך אין שטוב. דאס וואס מען טוט צוהעלפען אז דער מאן זאל גיין לערנען, דאס זענען ביי דיר די צמידים. די כח התורה וואס זי האט, איז פון דעם וואס זי העלפט דערצו.

*

**מען** האט פריער געהערט אז דער חשובער בעל שמחה האט מנדב געווען א נייע בנין פאר די מיידעל שולע אין ארץ ישראל. איך האב אן אייניקעל וואס לערנט אויך אין דעם מיידעל שולע, איך געב אויך א יישר כח פארן בנין, אז זיי וועלן האבען וואו צו זיין. - די שני צמידים דאס איז די תורה הק' וואס איז געשריבען אויף די צוויי לוחות. מען קען מקיים זיין די תורה מיט דעם וואס מען לערנט אליין תורה, און מען קען זוכה זיין צו תורה דורך 'על ידיה', מיט די הענט קען מען אויך אויפשטעלן די צוויי צמידים. ווען א יוד געבט צדקה מיט זיינע הענט, ער בויט מיט זיין געלט מוסדות התורה, און ער געבט אוועק פאר קדושת התורה, דאס איז 'שני צמידים' וואס מען קען טראגען 'על ידיה', דורך די הענט.

*

**דער** אייבערשטער זאל געבן, המתחיל במצוה אומרים לו גמור, מען האט אנגעהויבען יעצט מסכת ברכות, מען זאל עס קענען מוציא זיין מן הכח אל הפועל. **עס איז נישט קיין סתירה מיט דף היומי, מען קען לערנען ביידע. ביי אונז אין די קהלה איז דא אזעלכע וואס לערנען ביידע, סיי דף היומי און סיי דעם עמוד יומי, און זיי קענען ביידע, און זיי פארהערן זיך ביידע. עס זענען דא חשוב'ע יונגעלייט וואס ארבעטן א גאנצע וואך, און זיי שטעלן עס אהער, עס איז נישט קיין סתירה איינס צום אנדערן.** זאל דער אייבערטער געבן, אז מען זאל קענען זיצען און לערנען. די זכות פון תורה איז זייער גרויס, און דער אייבערשטער באצאלט פאר דעם. אין אזא דור שפל, וואס די טומאה איז אזוי גרויס, און מען זיצט און מען איז זיך מייגע אויף תורה הק', האט מען נישט קיין השגה ווי חשוב דאס איז פארן אייבערשטען, און דעם גרויסען שכר וואס דער אייבערשטער באצאלט.

**דער** אייבערשטער זאל געבן אז מען זאל קענען ווייטער זיצען און לערנען. און אזוי ווי מען האט אנגעהויבען די מסכת, זאל מען קענען מסיים זיין די מסכת און אסאך מסכתות, און ברבות הימים וועט

מען זעהן ווי דורך לימוד התורה זענען שטובער איבערגעדרייט געווארן אויף אן אנדערע סארט שטוב. דער רבי זאל זיין געזונט, זאל קענען ווייטער אויפשטעלן יודישקייט, און משפיע זיין פארן גאנצן ציבור. אין דעם זכות פון תורה זאלן מיר אלע זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בית הכנסת סוף סימן קנ"ד) בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן השיחה:***

**אברהם** אבינו האט געזאגט, ואקחה פת לחם, איך וועל נעמען א שטיקל ברויט, וסעדו לבכם אחר תעבורו, נאכדעם קענט איר אוועקגיין, כי על כן עברתם על עבדכם (בראשית יח-ה). עס וואלט געדארפט צו שטיין 'ואתנה' פת לחם, איך וועל ענק געבן א פת לחם, נישט 'ואקחה', איך וועל נעמען א פת לחם.

**איך** האב געזען שטיין פונעם **גערער רבי**, דער **אמרי אמת**, אז ער האט געזאגט, אז ווען ער איז געווען א יונגעל האט ער געלערנט חומש רש"י מיט זיין פאטער, דער **שפת אמת**. און ווען ער איז צוגעקומען צו די רש"י פון וסעדו לבכם, אז וועגן דעם שטייט לבכם חסר, מיט איין בי"ת, און עס שטייט נישט לבבכם, ווייל א מענטש האט צוויי הערצער, אבער א מלאך האט נאר איין הארץ, וועגן דעם האט אברהם געזאגט, וסעדו לבכם, נאר איין הארץ. האט דער **אמרי אמת** געפרעגט דעם **שפת אמת**, אברהם אבינו האט דאך נישט געוואוסט אז זיי זענען מלאכים. והנה שלשה 'אנשים' נצבים עליו, און ער איז געגאנגען און ער האט זיי געברענגט עסן, ואל הבקר רץ אברהם, האט ער דאך נישט געוואוסט אז זיי זענען מלאכים, ווייל פאר מלאכים וואלט ער דאס נישט געטון, פארוואס האט ער געזאגט וסעדו לבכם.

**האט** אים דער פאטער געזאגט, אמת, ער האט נישט געוואוסט אז זיי זענען מלאכים. אבער אן ערליכער יוד וואס היט זיך זיין דיבור, היט מען אים מן השמים, אז ער זאל נישט ארויסזאגען א ווארט וואס איז נישט אמת. לא יאונה לצדיק כל און (משלי יב-כא), פאר א צדיק טוט נישט דער אייבערשטער צופירן א זאך וואס מען דארף נישט. רגלי חסידיו ישמור (שמואל א ב-ט), דער אייבערשטער היט אפ די רגלי חסידיו. אברהם אבינו איז געווען נזהר אין זיין דיבור, ממילא אפילו ער האט זיי געזען, און ער וואלט געדארפט זאגען וסעדו לבבכם, ווייל ער האט געמיינט אז זיי זענען מענטשען וואס האבען צוויי הערצער, אבער דורך דעם וואלט ער דאך געזאגט שקר, ווייל זיי זענען דאך מלאכים, און זיי האבען נישט צוויי הערצער. האט מען פון הימל אזוי צוגעפירט, אז ער זאל נישט זאגען וסעדו לבבכם, נאר ער זאל זאגען וסעדו לבכם.

**מיט** דעם פארשטייט מען די ערשטע העלפט אויך, רש"י ברענגט שפעטער אויפן פסוק (יח-ח) ויקח חמאה, פארוואס האט ער נישט געברענגט לחם, ווייל זי איז טמא געווארן, און אברהם האט געגעסן חולין בטהרה, האט ער נישט געברענגט קיין לחם. קומט אויס, אז אזוי ווי מען האט אים געהיטן ביי וסעדו לבכם, אז ווייל זיי זענען מלאכים זאל ער זאגען לבכם, אזוי אויך האט מען אים דא געהיטן אז ער זאל נישט זאגען 'ואתנה' פת לחם, איך וועל ענק געבן ברויט, ווייל למעשה האט ער דאך נישט געברענגט, זי איז דאך פירסה נדה, האט מען פון הימל אזוי אריינגעלייגט אין זיין מויל, אז ער זאל נאר זאגען 'ואקחה' פת לחם, כדי מען זאל פארשטיין אז איך וועל נעמען ברויט און ברענגען, אבער ארויסגעזאגט האט ער נישט 'ואתנה' פת לחם, ווייל מען האט אים געהיט דעם דיבור, אז ער זאל נישט זאגען א זאך וואס איז א דבר שקר.

*

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **חיים הערש שווארץ** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **מענדל מיטטעלמאן** הי"ו, שהתקיים באולם ראוז קעסטל.

*

***יום שני פרשת חיי שרה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך

התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף רבינו שליט"א אצל החתונה של בת הרב **חיים שלמה ראטענבערג** שליט"א, עב"ג בן הרה"ג רבי **משה חיים שנעבאלג** שליט"א רב ור"מ במאנסי, שהתקיים באולם ויואל משה.

*

***יום שלישי פרשת חיי שרה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **שמשון שפיצער** הי"ו, שהתקיים באולם די מארקיז.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של החתן **נפתלי מאיר** ני"ו בן הר"ר **אברהם יודא האפפמאנן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם יודא מנחם שווארץ** הי"ו, שהתקיים באולם ראוז קעסטל. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **שלמה זלמן ברילל** ע"ה (ב"פ).

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יצחק שמואל מארטאן** ע"ה (ב"פ).

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בן הר"ר **שמחה ברייער** הי"ו, עב"ג בת הרב **פישל שעכטער** שליט"א, שהתקיים באולם סקאליע.

אחר התנאים חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **אברהם יודא האפפמאנן** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום רביעי פרשת חיי שרה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יהושע דוד שלעזינגער** הי"ו (חתן הר"ר **שמואל ישראל ניימאן** הי"ו).

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **מנחם ברוין** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **משה ברוך געלבשטיין** הי"ו, שהתקיים באולם די מארקיז. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***יום חמישי פרשת חיי שרה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה ומסר שיעורו היומי, אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יוסף זיכערמאן** הי"ו.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הרה"ג רבי **יעקב אהרן אויש** שליט"א (חתן כ"ק האדמו"ר מסקאליע שליט"א, ר"מ בישיבתנו הק'), שהתקיים בבית המדרש סקאליע.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***שבת קודש פרשת חיי שרה***

**רבינו שליט"א** שבת על שבת קודש בבארא פארק. תפלת מנחה וקבלת שבת התפלל **רבינו שליט"א** בבית מדרשנו זכרון יהודא. **רבינו שליט"א** עבר לפני התיבה לתפלת מנחה.

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** הבאטע בבית מדרשנו זכרון יהודא. בין הזמירות והניגונים השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את הרה"ג **רבי בנימין ברייער** שליט"א דומ"ץ הביהמ"ד.

ביום שבת קודש התפלל **רבינו שליט"א** בהיכל בית מדרשנו הגדול. - אחר התפלה הלך **רבינו שליט"א** לביקור אצל אחיו **כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א** ושוחחו ביניהם מעניני הפרשה, ואיחל **רבינו שליט"א** ברכת מזל טוב לרגל הולדות נכדתו.

תפלת מנחה וסעודה שלישית נערך בבית מדרשנו ברכת אברהם. **רבינו שליט"א** השמיע דברי דרוש ואגדה לבאר מעשה אבות בעניני הפרשה. בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את **הרה"ג רבי יצחק זלמן גיפס שליט"א** דומ"ץ הביהמ"ד.